# צו רחל פֿישמאַנס פֿיפֿטן יאָרצײַט

געלע שווייד־פֿישמאַן / ניו־יאָרק

## רחל פֿישמאַן — די דיכטערין פֿון בית אַלפֿאַ

רחלען לזכּרון

שוין באַלד 5 יאָר וואָס איך טראָג אין זיך דעם טיפֿן טרויער און די שווערע ליידיקייט. שבת, דעם 25סטן אויגוסט 1984, כ״ז אָבֿ תשמ״ד, איז אין ירושלימער הדסה־שפּיטאָל אַוועק אין דער אייביקייט מײַן שוועגערין רחל. זי איז נאָך קיין 50 יאָר אַלט ניט געווען. 5 חדשים נאָך איר פּטירה איז איר געטרײַער מאַן תּאודור האַלדהײַם אויך געשטאָרבן און אונדזער משפּחה איז אין צווייען פֿאַראַבֿלט געוואָרן. פֿאַראַבֿלט אָבער איז אויך געבליבן דער קליינער שרײַבער־לייענער־קרײַז אויף ייִדיש וואָס האָט געגאַרט נאָך יוגנטלעכע יורשים, נאָך שאַפֿערישן המשך. רחלס ייִדיש ליד, וואָס האָט זיך שטיל־שטאַרק ניסימדיק צעשאַלט פֿון קיבוץ בית־אַלפֿאַ, איז אָפּגעהאַקט געוואָרן און אונדזער ייִדיש־וועלט איז ווײַטער געבליבן פֿאַרעלנט.

### אונדזער ערשטע פֿרײַנדשאַפֿט

מיר האָבן זיךביידע צום ערשטן מאָל באַקענט, רחל און איך, זומער 1948 אין קעמפּ בויבעריק, ווו איך בין געווען אַן אויפֿפּאַסערין און זי, אַ קעמפּערקע אין אַ שכנותדיקן „באַנק״ (בײַדל). כ׳האָב דעמאָלט אָנגעפֿירט מיט לעקציעס אין דער ייִדיש־שעה, און רחל איז געווען אַ תּלמידה בײַ מיר אין קלאַס. יענעם זומער איז איר ברודער שיקל, וואָס איז געווען איר מורה־דרך (און עטלעכע יאָר שפּעטער געוואָרן מײַן מאַן), ניט געווען אין קעמפּ און זי האָט זייער געבענקט נאָך אים. האָט זי געזוכט אַן עמאָציאָנעלן אָנשפּאַר, אַ במקום־אַנווײַזער, אַ ייִדיש־שותּף — און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר.

מיר זענען געווען אַ מאָדנע „פּאָר״ יענעם זומער. איך, צען יאָר עלטער פֿאַר איר, בין געווען אַ פּוצערקע — און רחל האָט זייער ניט ליב געהאַט קיין פּוצעוודיקע מענטשן און זאַכן. איך — מיט בלאָנד־לאַנגע האָר, בין געווען דאַר ווי אַ לאַקש: זי — מיט שוואַרץ־קורץ־קוטשעראַווע האָר, שטאַרק ווי אַ בחור. זי האָט ליב געהאַט צו שפּרינגען, קלעטערן, לויפֿן, און איך, פֿאַרקערט, האָב נאָר געוואָלט מאָנירלעך גיין. שוין דעמאָלט איז זי געווען שאַרף־שטעכיק קלוג, אָבער ניט אַלע מאָל האָב איך פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס זי פּלאַצט אויס אין אַ געלעכטער. אָט האָט זי געקענט זײַן קינדעריש־שפּילעוודיק בײַ אַ נעצבאָל־פֿאַרמעסט, און אָט פֿאַרעקשנט־ערנצט בײַם דיסקוטירן אַ ייִדיש־ענין אָדער אַ מאָראַלישע פּראָבלעם. די ערשטע צײַט איז זי מיר שווײַגנדיק נאָכגעגאַנגען, כּדי צו אָבסערווירן צי איך דערגרייך צו אירע קריטעריעס פֿון זײַן אַן אויסגעהאַלטענע ייִדישיסטקע און אַן עטישער מענטש. אויב יאָ, וועט זי מיר שפּעטער קענען פֿאַרטרויען סודות פֿון איר נשמה.

איך געדענק יענעם זוניקן בײַטאָג ווען זי האָט מיר פֿאַרזיכטיק־אומזיכער פֿאַרטרויט איר ערשטן סוד — אַ תּאווה צום ייִדישן ליד.

„ווילסט גיין מיט מיר צום וואַלדהויז עפּעס לייענען?״ האָט זי שטילערהייט געפֿרעגט. „יאָ״, האָב איך געענטפֿערט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. כ׳האָב ניט געפֿרעגט וואָס דער „עפּעס״ איז. זי איז געווען אַזוי ערנצט און איך האָב ניט געוואָלט פֿאַרלירן איר צוטרוי. אויף אַ בענקל אין וואַלדהויז, אַרומגערינגלט מיט הויכע, גרינעביימער, האָט מײַן יונגע חבֿרטע געעפֿנט אַ דין, רויט ביכל, געבלעטערט פֿאַרזיכטיק די זײַטלעך, און אָנגעהויבן לערנען מיט מיר ווי צו לייענען מיט קאָפּ און מיט האַרץ די קינדערלידער פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. איך געדענק נאָך הײַנט ווי זי האָט דעמאָלט אויסגעזען בשעת זי האָט פֿאַר מיר געלייענט מוזיקאַליש־שטיל. די שכינה האָט אויף איר גערוט.

אַזאַן אינטימען מאָמענט אויף ייִדיש האָב איך קיין מאָל פֿריִער ניט געהאַט און איך האָב זיך געפֿילט אי דערהויבן, אי טרויעריק. בלויז די הויכע ביימער האָבן צוגעזען ווי צוויי יונגע ייִדיש־רעדנדיקע פֿרײַנד, זוכנדיק אַ וואָרצלדיקע ייִדיש־איבערלעבונג, האָבן געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער ווירקלעכקייט כּדי צו טיילן אַ רגע ייִדיש־פֿרייד.

איך האָב דעמאָלט קלאָר פֿאַרשטאַנען אַז מײַן יונגע חבֿרטע רחל פֿישמאַן, וואָס פּוצט זיך ניט אויס און פּאַסט זיך ניט צו און באַשטייט אויף אירע פּרינציפּן, וועט קיין גרינג לעבן ניט קענען (און מסתּמא אויך ניט וועלן) האָבן. אָבער ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט פֿאַרשטעלן ווי ביטער שווער ס׳וועט איר שפּעטער זײַן.

נאָך איין מאָל, מיט 25 יאָר שפּעטער (1973 אין ירושלים), האָט רחל מיר געבראַכט צו לייענען אַ העפֿט מיט לידער אויף ייִדיש. דאָס מאָל אָבער, זענען זיי שוין געווען אירע אייגענע לידער, געשריבן מיט דער האַנט, גרייט צו גיין צום דרוק. כ׳האָב געלייענט שטיל צו זיך, בשעת זי האָט, אויפֿגעהײַטערט, מיר געקוקט אין פּנים אַרײַן, וואַרטנדיק אויף מײַן רעאַקציע. טיף גערירט בין איך דעמאָלט געווען פֿון איר צײַטיקער דיכטערישער שאַפֿערישקייט און אויך פֿון דער אינטימער ייִדיש־רגע וואָס מיר האָבן ביידע נאָך אַ מאָל געטיילט. אָבער פֿרייד איז צווישן אונדז תּמיד געווען אויסגעמישט מיט טרויער. רחל איז פֿון לאַנג שוין ניט געווען געזונט, כאָטש גאָר ווייניק מענטשן האָבן דעמאָלט וועגן דעם געוווּסט און מען האָט נאָך ניט געהאַט געמאַכט דעם ריכטיקן מעדיצינישן דיאַגנאָז. בעת אַריגינעלע ווערטערשפּילן האָבן זיך שטיפֿעריש צעשפּרונגען אויף די שורות פֿון די לידער אירע, האָט זי, מיט אַ שמייכל, אָדער מיט אַ שווײַגן (אָדער מיט אַ שאַרף שטעכיקן שטאָך), פּרובירט פֿאַרדעקן איר אינערלעכע פּײַן.

איך בין בטוח, אַז מיט דער צײַט וועלן זיך באַווײַזן, סײַ אין אַמעריקע, סײַ אין ישׂראל, אַזעלכע וואָס וועלן מיט געשיקטע ליטעראַריש־קריטישע אויגן אַנאַליזירן דעם מאָדערניסטיש־צימצומדיקן סטיל, די ווערטערשפּילן, דעם מיין פֿון מעטאַפֿאָרן, קלאַנגען און אימאַזשן וואָס אויף די שפּאַלטן פֿון רחלס 4 אָפּגעדרוקטע לידערביכער (אַלע אַרויסגעגעבן אין ישׂראל): זון איבער אַלץ (1962), דערנער נאָכן רעגן (1966), הימל צווישן גראָזן/ שמים בעשב (1968) און ווילדע ציג/ עזה פּזיזה (1976).

בײַם פֿאָרשן די נאָכאַנאַנדיקע מאָטיוון־פֿעדעם וואָס סילעווען זיך דורך דורך די לידער אירע, וועט מען, צווישן אַנדערע, געפֿינען: אַ פֿאָדעם פֿון דער ישׂראלדיקער לאַנדשאַפֿט — ביימער און דערנער, הימל, לבֿנה און רעגן, ווײַנטרויבן, אַרבוזן, מאַראַנצן, אייקאַליפּטן, מילגרוימען, בערג, איר באַליבטסטן באַרג, דער גילבוע, וואָס האָט מאַיעסטעטיש אַראָפּגעקוקט אויף רחל און תּאודורס קיבוץ־שטיבל. און איבער אַלץ — די זון. זון איבער אַלץ.

אַ פֿאָדעם פֿון קאָלירן — ברוין און בלוי, גרין און גרוי, שוואַרץ און ווײַס, זילבער, געל און רויט, באַזונדערש רויט — רחלס באַליבטסטער קאָליר. מיטן מעטאַפֿאָר „רויט" באַשרײַבט זי אי די היצן פֿון דער זון, אי די וואַרעמקייט פֿון דער ליבע. ביידע זענען זיי רויט־שאַפֿערישע כּוחות, וואָס קענען, ווי פֿײַער, „באַשאַפֿן" סײַ איר העכסטע פֿרייד, סײַ איר טיפֿסטן טרויער.

אַ פֿאָדעם פֿון חיות און באַשעפֿענישן — קעץ און קי, פֿערד און פֿייגל, פֿיש, הינט און האָזן, מײַזעלעך און זשאַבעס, אַ טיגערל און אַ ווילדע ציג. רחל האָט זיך אַליין, און אַנדערע גאַר נאָענטע צו איר, געגליכן צו אַ ווילדער ציג. (די מאַמע אירע פֿלעג זי קינדווײַז רופֿן „ווילדע ציג", ווען זי איז אויף איר אין כּעס געוואָרן.)

אַ פֿאָדעם פֿון ליבע — צו טאַטע־מאַמען, צו ישׂראלדיקער ערד, צו מאַן־און־קינד, צו אַרבעט, צום לעבן — און צום ייִדישן ליד. רחלס ליד און לעבן גייען כּסדר האַנט־אין־האַנט. אין פֿיר קורצע שורות, דער אַרײַנפֿיר צו איר ערשט בוך זון איבער אַלץ, באַשרײַבט זי דעם דאָזיקן צונויפֿבונד, און איינצײַטיק בינדט זי קונציק צונויף עטלעכע פֿון די אויבן דערמאָנטע מאָטיוון־פֿעדעם:

פֿירפֿיסיק ליד מײַנס —
געזונט זאָלסטו זײַן!
קום מיט — מיט מיר
אויף אַלע זוניק־גרינע טעג.

יוגנטלעך, פֿריילעך און אָפּטימיסטיש באַגריסט זי איר שאַפֿעריש ליד ווי עס וואָלט געווען אַ באַליבט קעצל אָדער הינטל, וואָס זי נעמט צו זיך אין איר וואַרעמער שטוב אַרײַן. רחל און איר ליד „גייען שפּאַצירן" צוזאַמען אויף איר לעבנסוועג — אָבער ניט אַלע מאָל זענען די „טעג" אירע „זוניק־גרינע". אינעם אַרײַנפֿיר צו איר צווייט בוך דערנער נאָכן רעגן, אַרויס פֿיר יאָר נאָך איר ערשטן בוך, רעדט שוין די דיכטערין וועגן אירע לידער אין אַ סך אַן ערנצטערן טאָן. דער יוגנטלעכער אָפּטימיזם איז פֿאַרבײַ און אויף זײַן אָרט איז דאָ אַ שטימונג פֿון רעזיגנירטקייט און פֿאַרווייטיקטער צוגעבונדנקייט צו איר שרײַבן:

ווי זון אויף אַנגעהיצטן נאַקן,
ווי דערנער נאָכן רעגן,
שאַרף און ריין,
ניט אויסצומײַדן —
קומען לידער אַן.

נאָך מאָטיוון־פֿעדעם אין די לידער — אַ פֿאָדעם פֿון פֿרוסטרירטקייט און אַנטוישונג, אַ פֿאָדעם פֿון כּולו פֿרייד און שטיפֿערישקייט, אַ פֿאָדעם פֿון דערשפּירן די נאָך ניט אָנגעקומענע סימנים פֿון איר גורלדיקער קראַנקייט. נאָר לפֿי־דעתּי איז דער בולטסטער פֿון אַלע פֿעדעם — וואָס חזרט זיך צום אָפֿטסטן איבער און בינדט צונויף איר שאַפֿעריש וואָרט — דער פֿאָדעם פֿון פּאַראַדאָקסן:

צווישן אונדז אויפֿן טיש —
נאָר אַ פֿלאַש אַלטער פּאַראַדאָקס.
און יעדער טרינקט אין אים אַרײַן
זײַן אייגן פּנים.
און יעדער טרינקט פֿון אים אַרויס
זײַן אייגענעם דאָרשט.

(פֿונעם ציקל „רינג נאָך רינג", ווילדע ציג/ עזה פּזיזה, ז' 28)

אייגנטלעך האָט רחל אַלע אירע יאָרן געלעבט מיט פּאַראַדאָקסן. זי איז בעצם אַליין געווען אַ פּאַראַדאָקס. אָט וואָס זי שרײַבט וועגן זיך אינעם ציקל „ווילדע ציג" (ווילדע ציג/ עזה פּזיזה, ז' 86):

„גאָר —
אָדער גאָרנישט!"

בלײַב איך אָבער אָפּט
מיט אַ פֿול האַרץ
און ליידיקע הענט.

און אינעם ציקל „בײַ דער אייביקער מחיצה" (ווילדע ציג/ עזה פּזיזה, ז' 20):

פֿאַרקלערט
איז פֿאַרהאַרכט
פֿאַרפֿײַף איך קוים־קוים
אַ פֿריילעך־טרויעריקס.

מיט אַ כּמעט נבֿיאישער קראַפֿט האָט די דיכטערין פֿאַרויסגעזאָגט דעם פּאַראַדאָקס פֿון איר אייגענעם טראַגישן גורל אינעם ציקל „בלויע פֿײַערלעך" (ווילדע ציג/ עזה פּזיזה, ז' 60):

טײַערער,
צום לעצטן וואָרט,
צום לעצטן שמייכל,
וועל איך זײַן
(סײַ פֿרי, סײַ שפּעט)
אין צײַט.

## דער מענטש איז אַ פּאַראַדאָקס

רחלס לעבן איז געווען איבער פֿול מיט פּאַראַדאָקסן. אַן אַמעריקאַנער־געבוירענע מיזינקע, דערצויגן אין אַן אידעאַליסטישער, וועלטלעך־ייִדישיסטישער היים און סבֿיבֿה, זאָל זיך באַזעצן פֿון אַלע מאָדעס און השפּעות פֿון

איר דור, זאָל רק רעדן ייִדיש מיט טאַטע־מאַמען, ברודער און פֿרײַנד, זאָל זײַן אַ קעמפֿערישע ייִדישיסטקע, זאָל פֿרי אָנהייבן און כּסדר שרײַבן אירע לידער נאָר אויף ייִדיש, און זאָל, אין דער גרויסער שטאָט פֿילאַדעלפֿיע, שטאַרק ליב האָבן די נאַטור און בעלי־חיים — און נאָר חלומען וועגן ווערן אַ ייִדישע פֿאַרמערקע. צי זענען דאָס ניט קיין פּאַראַדאָקסן?

צו 19 יאָר פֿאַרלאָזט רחל איר משפּחה און ייִדיש־סבֿיבֿה, וואָס זענען געווען, און געבליבן, אינטעגראַלע טיילן פֿון איר פּערזענלעכקייט, און באַזעצט זיך העט ווײַט, אין איר מאַנס ישׂראלדיקן שומר־הצעיר־קיבוץ בית־אַלפֿא. דווקא אין דעם דאָרטיקן דורכויס עבֿרית־רעדנדיקן אַוויר, צופֿוסנס פֿונעם גילבוע, ווײַט אָפּגעשיידט פֿון שטיצנדיקע ייִדיש־השפּעות (משפּחה, שרײַבערס, לערערס, ביכער, קולטור־אונטערנעמונגען), שרײַבט זי ווײַטער אירע לידער רק אויף ייִדיש. זי האָט זיך, זייער כאַראַקטעריסטיש, פֿאַרעקשנט און געפֿאָדערט אַז די קיבוץ־חבֿרים דאַרפֿן זי רופֿן Rukhl (ניט Rokhl און ניט Rakhel), ווײַל אַזוי הייסט זי און דאָס וואָס זי איז, איז זי. צי קען דען ניט אַ מאָל אַ שטרענגע ערלעכקייט און אויסגעהאַלטנקייט ניט מגולגל ווערן אין אַ פּאַראַדאָקס?

רחלס מאַן, תּאודור, אַליין אַלע יאָרן אַ מסוכּן קראַנקער און גלײַכצײַטיק אַ שפּרודלדיק־שאַפֿערישער מענטש, אַ טאַלאַנטירטער מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָר, מאַטעמאַטיקער און אוניווערסיטעט־לערער פֿון לערערס, איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד בײַ אַ ציוניסטישער משפּחה וואָס איז געווען זייער ווײַט פֿון ייִדיש־אינטערעסן. איז דען ניט פּאַראַדאָקסאַל, אַז דווקא ער זאָל זײַן דער וואָס זאָל רחלען מוטיקן ווײַטער צו שרײַבן אירע לידער אויף ייִדיש, זאָל העלפֿן איר צונויפֿברענגען מיט דער ליטעראַרישער גרופּע „יונג ישׂראל“ און אַ דאַנק דעם, מיטן גרויסן דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ וואָגיקע השפּעה אויף רחלס שאַפֿונג.

ווער וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלן דעם מזלדיקן „צופֿאַל“, אַז תּאודורס נאָענטסטער יוגנט־חבֿר פֿון דער באַוועגונג און קיבוץ, אַריה אַהרוני, דער טאַלאַנטירטער איבערזעצער פֿון שלום־עליכם אויף העברעיִש, זאָל זײַן דער וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט איבערזעצן רחלס לידער אויף העברעיִש (אַרויס אין צווייִשפּראַכיקע אויסגאַבעס: הימל צווישן גראָזן/ שמים בעשב און ווילדע ציג/ עזה פזיזה)?

ווער וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלן אַז רחל, אַזאַ לעבעדיק־אַקטיווע, אויסערלעך פֿיזיש געזונטע, זאָל ניט קענען געבוירן קיין אייגענע קינדער? (זי האָט 9 מאָל געמפּלט, ביז ס׳איז געראָטן צו אַדאָפּטירן צוויי זוניקע ייִנגעלעך, אורי און אַריק.)

נאָר דער טראַגישסטער פֿון אַלע פּאַראַדאָקסן — ווער וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלן אַז זי, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט צו אַרבעטן אין דרויסן אויף דער זון, צו קלעטערן און קלײַבן די פֿרוכט פֿון קיבוץ, זאָל מוזן אָפּליגן בײַ זיך אין שטיבל אָדער אין שפּיטאָל אַזוי פֿיל טעג און נעכט פֿון איר קורץ לעבן? זי האָט דאָך אַזוי געוואָלט זײַן אַ זעלבשטענדיקער פֿיזיש־פּראָדוקטיווער מיטגליד פֿון קיבוץ און ניט בעטן קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס בײַ קיינעם ניט. וואָס טוט מען אָבער ווען מען איז קראַנק און מען דאַרף יענעמס הילף אָדער פֿאַר זיך אַליין אָדער פֿאַרן אייגענעם מאַן? זי שווײַגט און האַלט זיך שטאָלץ (אַ מאָל שטײַף־שטאָלץ), בשעת אינעווייניק ברענט די פּײַן:

צעביסן אין איינעם די ליפּ
און דאָס ליד.
אַזוי דין — הויט.
לעכערלעך שוואַך די צאַמען
וואָס לאָזן
דעם אמת ניט צו.
אַז דו וועסט עלטער ווערן
זאָלסטו וויסן אַז אונטערשיד
פֿון דעם ים
מיט אַ מבול דערקוויקן,
ביז אַ שׂרפֿה אין פֿלאַמען
דערשטיקן.

אוי מאַמע

(פֿונעם ציקל „הייזעריקע פֿייגל“,
דערנער נאָכן רעגן, ד׳ 37)

דער ציקל לידער „איצט ביסטו שטילער“ (וואָס קומט גלײַך פֿאַרן אויבן דערמאָנטן ציקל אין בוך) האָט רחל געשריבן נאָך דער פּטירה פֿון איר טאַטן, אהרן פֿישמאַן, אין 1965. די לידער האָבן זייער אייגענעם קורצן אַרײַנפֿיר:

אַ, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
אַז עפּעלע? דאָס מיינסטו?

(מ. בראָדערזאָן)

מען קען בולט זען די פֿאַרבינדונג צווישן דעם אויבן דערמאָנטן ליד מיטן דאָזיקן צוויי־שורותדיקן אַרײַנפֿיר. „עס האָט די קליינע ציפּעלע/ פֿאַרביסן זיך אַ ליפּעלע“ זינגט זיך אין בראָדערזאָנס ליד. נאָר רחל איז שוין מער ניט געווען קיין קינד. האָט זי, ביז ווייטיק, זיך „צעביסן . . די ליפּ“. „אַז איר וועט, קינדערלעך, עלטער ווערן,/ וועט איר אַליין פֿאַרשטיין...“ זינגט זיך אין וואַרשאַווסקיס „אויפֿן פּריפּעטשיק“. די דיכטערין, באַנוצנדיק זיך מיט אַ ריי פּראָזעס פֿון די ייִדישע לידער פֿון איר קינדהייט, פֿאַרוואַנדלט דאָס „פֿײַערל“ פֿונעם פּריפּעטשיק אין „אַ שׂרפֿה אין פֿלאַמען“ (ווײַל וויפֿל אין די אותיות פֿון איר אייגן ליד ליגן טרערן און געוויין). און זי רעדט צו זיך — „אַז דו וועסט עלטער ווערן,/ זאָלסטו וויסן דעם אונטערשיד/“ פֿון ים . . און אַ מבול . . און אַ שׂרפֿה.

רחלס „אונטערשיד“ איז אַ רמז אויפֿן פֿאָלקסליד: „שלאָף, מײַן קינד, שלאָף כּסדר. זינגען וועל איך דיר אַ ליד. אַז דו, מײַן קינד, וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן דעם אונטערשיד“. די דיכטערין איז טאַקע עלטער געוואָרן און פֿאַרשטייט איצט דעם אונטערשיד צווישן נאַיִווע קינדער־יאָרן און דערוואַקסענע אַנטוישונגען, ווײַל בײַ איר אין האַרצן ברענט אָפֿט מאָל אַ „שׂרפֿה“.

(המשך קומט)

געלע שווייד־פֿישמאַן / ניו־יאָרק

# רחל פֿישמאַן — די דיכטערין פֿון בית אַלפֿאַ

(המשך פֿונעם יולי־סעפּטעמבער־נומער)

## די מאַנגער־פּרעמיע: ניט צו פֿרי

צו אירע כּמעט 25 יאָר אין ישׂראל (1978) האָט רחל באַקומען די מאַנגער־פּרעמיע, די העכסטע אָנערקענונג פֿאַר איר ייִדישער פּאָעזיע. און כאָטש די פּרעמיע איז איר צוגעטיילט געוואָרן אפֿשר פֿרי, בנוגע איר ביז דעמאָלט באַשיידענעם (אין דער צאָל ביכער) שאַפֿערישן צושטײַער, איז עס אָבער ניט געקומען צו פֿרי בנוגע איר געזונט־צושטאַנד. אַ יאָר־צוויי שפּעטער וואָלט זי שוין מסתּמא ניט געקענט צוגרייטן אירע פֿאַר רירנדיקע דאַנקוועדטער. בײַ דער יום־טובֿדיקער אונטערנעמונג האָט זי דעמאָלט, צווישן אַנדערע, געזאָגט:

„איך בין נאָך איבערראַשט און צעטומלט, און — דעם אמת צו זאָגן — אַ ביסל דערשראָקן. קיין דערפֿאַרונג מיט ליטעראַרישע אויסצייכענונגען און פּריזן האָב איך ניט. אויסער, פֿאַרשטייט זיך, ‚אַ דאַנק‘, בין איך ניט אַזוי זיכער וואָס מע דאַרף איצט זאָגן.

ווען איציק מאַנגער האָט זיך געקליבן קיין ישׂראל, האָט ער געשריבן:

כ'האָב זיך יאָרן געוואָלגערט אין דער פֿרעמד,
איצט פֿאָר איך זיך וואָלגערן אין דער היים.

ער האָט גערעדט וועגן זײַן גורל און דעם גורל פֿון זײַן ליד. נאָר דאָס איז, אייגנטלעך, דער גורל פֿון דער ייִדישער שפּראַך דאָ אין ישׂראל. זי וואַלגערט זיך — אין דער היים.

אויך איך, להבֿדיל, שרײַב מײַנע לידער אויף ייִדיש. דאָ אין ישׂראל, אין קיבוץ בית־אַלפֿאַ, וווּ איך געפֿין זיך שוין מער ווי אַ העלפֿט פֿון מײַן לעבן — איז מײַן היים, די חבֿרשאַפֿט, דער אַרום, די אַרבעט, דאָס נײַע לעבן — מיר אייגן. און איך שרײַב מײַנע לידער אויף ייִדיש, ווײַל — אַזוי איז עס בײַ מיר — נאָר אויף ייִדיש שרײַבט זיך מיר.

פֿאַר וועמען? ווער לייענט נאָך הײַנט צו טאָג לידער? און אויף ייִדיש דערצו — דאָ אין ישׂראל?

(...) אונדזער פֿאָלק שטאָלצירט דאָך אַזוי מיט זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, מיט זײַן היסטאָרישן זכּרון — דער מקור פֿון זײַנע אויפֿטוען. צי לייגט זיך עס אויפֿן זינען אָליין אָפּצומעקן הונדערטער יאָרן פֿון ייִדיש שאַפֿן און קולטור? דעם אָנהייב פֿון אַ מאָדערנער וועלטלעכער ייִדישקייט? מאַכן אַזאַ פֿאַטאַלן גײַסטיקן קורצשלוס: פֿון דער תּנ״ך־תּקופֿה גלײַך צו אונדזער איצטיקער, פֿון שילה צו שילה, פֿון מלכות דוד צו מלכות דוד? (...)”

אינעם זעלבן טאָג נאָך רחלס לוויה אין קיבוץ בית־אַלפֿאַ, האָט איר מאַן, תּאודור, באַקומען אַן עקזעמפּלאַר פֿון דעם נאָר וואָס אַרויסגעקומענעם נומער פֿון רופא למשפּחה[1], אַ העברעיִשער מעדיצינישער זשורנאַל. דאָרטן געפֿינט זיך אַן אַרבעט וואָס באַשרײַבט זייער פּרטימדיק די סימפּטאָמען און מעדיצינישע באַהאַנדלונגען ·פֿון רחלס גורלדיקער קראַנקייט. אין זייער אַרײַנפֿיר שרײַבן די דרײַ דאָקטוירים־מחבֿרים:

„די חולה, 46 יאָר אַלט, וואָס האָט זינט 1975 געליטן פֿון (...), האָט נבֿיאות געזאָגט אויף איר קראַנקייט אין אירע אייגענע לידער 16־8 יאָר איידער די קראַנקייט האָט זיך באַוויזן”.

און אין יענער אַרבעט, אָנגעלאָדן מיט דעטאַליזירטער מעדיצינישער טערמינאָלאָגיע, ווערן געבראַכט צוויי פֿון רחלס לידער, אין דער העברעיִשער איבערזעצונג: „אַזוי וויל איך פֿאַלן”[2] און „דאָס לעפֿעלע זכּרון”[3]. דער לעצטער פּאַראַגראַף פֿונעם אַרטיקל לייענט זיך:

„ס'איז פּאַסיק צו ענדיקן די אַרבעט מיט אַ ליד וואָס זי האָט געשריבן אין 1968 און אָפּגעדרוקט אין 1971, ווען זי איז, אַ פּנים, נאָך געווען געזונט”.

און דאָ ווערט געבראַכט דער פֿולער העברעיִשער טעקסט פֿון רחלס ליד „דאָס לעפֿעלע זכּרון”:

דאָס לעפֿעלע זכּרון
האָט זיך מיר פֿון דער האַנט
אַרויסגעגליטשט —
און איך האַלט אין איין פֿאַרגעסן.
איך וווּנדער זיך מער ניט.
אין אָנהייב
האָב איך זיך זייער געחידושט:
ווי אַזוי האָב איך דאָס געקענט פֿאַרגעסן?!
נאָר איצט
וווּנדער איך זיך שוין ניט.

---

נאַלן: אויפֿן שוועל, צוקונפֿט א״אַ. אין פּרץ־פֿאַרלאַג אין תּל־אָבֿיבֿ האָט זי אין 1966 אַרויסגעגעבן איר ערשט בוך, קינדער־יאָרן, יוגנט־יאָרן מיט אליעזר שטיינבאַרג, וואָס ס'האָט זיך צו ערשט געדרוקט המשכים־ווײַז אין אויפֿן שוועל.

דעם 13טן מאַרץ 1989, נאָך איר טויט, איז פֿאָרגעקומען אין לייוויק־הויז אַ ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט וועראַ האַקען. די רעדנערס האָבן אָפּגעשאַצט אירע ליטעראַרישע ווערק און אויך די מעלות פֿון וועראַס פּערזענלעכקייט. אַ פּאָר פֿון וועראַס לידער זענען געזונגען געוואָרן און עטלעכע — רעציטירט. אַלע וואָס האָבן וועראַן געקאַנט און האָבן מיט איר פֿאַרבראַכט אַ סך שעהען און אָוונטן האָבן געשעפּט תּענוג פֿון אירע צושטײַערן צו דיסקוסיעס. אַ סך פֿון אירע ווונדערלעכע ווערטער קלינגען נאָך אַלץ אין אונדזערע אויערן. דער טויט האָט זי אַוועקגעריסן פֿון אַ רײַכן גײַסטיקן לעבן איידער זי האָט געקענט אַלץ זאָגן וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן. און צו זאָגן האָט זי נאָך געהאַט זייער, זייער פֿיל. דאָס נישט־דערזאָגטע וועט מיר און אַלע, וואָס האָבן וועראַן געקענט און געשאַצט, שטענדיק פֿעלן.

איך האַלט אין איין פֿאַרגעסן
אין כ׳בין ערשט בײַם אָנהייב.
נאָך דעם ווי כ׳וועל אַלץ פֿאַרגעסן
וועל איך אפֿשר וויסן
וויאַס ס׳איז פֿון מיר פֿאַרבליבן.
וויאַס איז פֿון מיר געוואָרן.

רחל און תּאודור האָבן געוווּסט, אַז מען שרײַבט די אַרבעט פֿאַרן זשורנאַל. זיי האָבן אַפֿילו צוגעשטעלט פּרטים (פּרעציז־דאָקומענטירטע אָבסערוואַציעס און באַריכטן, וואָס בעיקר תּאודור האָט אַלע יאָרן געהאַט פֿאַרנאָטירט) און רחל האָט געלאַכט איר רחליש געלעכטער בײַם דערציילן, אַז איר פּאָעזיע וועט אפֿשר גאָר „פֿאַראייביקט ווערן" אין אַ מעדיצינישן זשורנאַל.

חוץ די פֿיר ביכער אירע (אויך אין עטלעכע נומערן גאָלדענע קייט האָט זי זיך געדרוקט), האָט רחל, ניט־וויסנדיק, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שאַפֿערישן מקור פֿון גאָר אַן אַנדער מין — הונדערטער ייִדישע בריוו און קאָרט־לעך וואָס זי האָט, פֿון די פֿריסטע יאָרן, געשריבן צו טאַטע־מאַמען, צו שיקלען, און שפּעטער צו אונדז ביידן. אָט די קאָרעספּאָנדענץ האָט אָנגעהאַלטן פֿון די גאָר פֿריִע קינדער־יאָרן (1940) ביז צו די לעצטע חדשים פֿון איר לעבן, איידער זי איז אַרײַן אין הדסה־שפּיטאָל (1984). מיט שטאָלץ האָבן אירע עלטערן אַלע יאָרן געטרײַ אויפֿגעהיט אַלץ, וואָס זי האָט זיי צוגעשיקט, און שיקל און איך האָבן שפּעטער אויך אַזוי געטאָן. די דאָזיקע זאַמלונג געפֿינט זיך איצט אין איר אַרכיוו וואָס מיר האָבן, נאָך איר פּטירה, צונויפֿגעשטעלט און וואָס איז אַ וויכטיקער שליסל בעסער צו פֿאַרשטיין רחלס פּערזענלעכן און ליטעראַרישן גאַנג.

## די בריוו ווי פֿאָרויסגייערס פֿון די לידער

גאָר אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס אַ סך פֿון די זעלבע מאָטיוון־פֿעדעם, וואָס געפֿינען זיך שפּעטער אין רחלס לידער, קומען אויך צום אויסדרוק אין די בריוו און קאָרט־לעך, וואָס זי האָט אָפֿט, מיט יאָרן פֿריִער נאָך, אָנגעשריבן. ווען מען פֿאַרגלײַכט די אינטענסיווקייט פֿון אירע געפֿילן און געדאַנקען אין ביידע מקורים, קען מען זען ווי זיי האָבן זיך געביטן אָדער זענען גאָר פֿעסטער געוואָרן אין משך פֿון דער צײַט. אָט, למשל, רחלס צוגעבונדנקייט צו טאַטע־מאַמען. אין צוויי קאָרטלעך, פֿון קעמפּ בױבעריק, דעם 19טן און 24סטן אויגוסט 1946 (געווען איז זי דעמאָלט 11 יאָר אַלט), שרײַבט רחל[1].

1

מײַנע ליבע!

ווען איך האָב נעכטן באַקומען פּאַפּעס בריוו זאָגנדיק אַז איר וועט זײַן אין בײַבעריק צום פֿעלקער־יום־טובֿ איז אַז מאַמי וועט אפֿשר אַנקומען מיט אַ וואָך פֿריִער בין איך געווען אויסער זיך פֿון פֿרייד. איך האָב פּשוט געטאַנצט פֿאַר פֿרייד. דעם איבעריקן טייל פֿון אָוונט בין איך געווען אַזוי גליקלעך צופֿרידן אַז אַלע מײַנע פֿרײַנד און חבֿרים האָבן גלײַך געטראָפֿן אַז מײַנע עלטערן קומען. איך וועל שוין מוזן דערציילן וואָס איך וויל נאָך זאָגן אין אַן אַנדער קאָרטל. פֿאַרגעס ניט. דאָס קאָרטל וועט ערשט מיטוואָך אָנקומען. זאָרגט זיך נישט אייב איר קריגט דינסטיק אַפֿילו פֿון מיר קיין בריוו. גריס טיגער. קושן — רחל.

2

מײַנע ליבע!

די אין קעמפּ פֿאַרברענג איך אַזוי גוט. אַז איך וויל ניט אַהיים פֿאָרן. נור ווען איר זײַנט ניט דאָ. שטערט מיר פֿון פֿאַרברענגען דאָך אינגאַנצן. אויב איר וואָלט געקענט צוקומען יעדן וואָך צו זײַן דאָ אַ גאַנצן זומער וואָלט איך דאָ געוואָלט לעבן אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר. זאָג שוין ווען איר וועט דאָ זײַן. גריס טיגער. קוועטש אים. גלעט אים. קוש אים. מיט ליבע און קושן — רחל.

(כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין דעם מעטאַפֿאָר „טיגערל" אין רחלס שפּעטערדיקע לידער [ווילדע ציג, זז׳ 44, 52, 60, 62], איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער „טיגער" פֿון אירע בריוו איז געווען איר באַליבטער קאָטער און אַ בכּבֿודיקער „מיטגליד" פֿון דער משפּחה).

אַזאַ אָפֿענע ליבע צו טאַטע־מאַמען, אַזאַ שטאַרקע באַדערפֿעניש זיך צו טיילן מיט זיי און דערציילן וועגן אירע איבערלעבונגען! וועלכע עלטערן וואָלטן זיך ניט געוווּנטשן אַזאַ נאָענטקייט? פֿאַרגלײַכט דאָס אָבער מיט די ווײַטער־דיקע שורות פֿונעם ציקל „אַפּעטיטן" (זון איבער אַלץ, ז׳ 48):

טאַטעניו־מאַמעניו —
דעם זומער
האָבן אין די היצן
אַלע מײַנע זיכערקייטן געציטערט.
וועמען האָב איך געוואָלט דערציילן
אויב ניט אײַך?
אַלעמען וואָלט איך דערציילט —
נאָר ניט אײַך.

וואָס העלפֿט דען פֿון דער ווײַטנס, צו דערציילן וועגן אירע אַנטוישונגען און ספֿקות? אַפֿילו פֿון דער נאָענט וואָלט זי זיי שוין ניט געהאַט דערציילט, ווײַל זי האָט דעמאָלט גע־האַלטן אַז בלויז דורך דעם וואָס מען פֿאַרלאָזט טאַטע־מאַמעס היים, וואָס מען ברעכט זיך איבער, קען קומען דער „פּראָגרעס און ישובֿ־הארץ". דערצו איז זי פֿון תּמיד געווען אַ שטאָלצער עקשן און ס׳איז איר אָנגעקומען גאָר שווער צו בײַטן אירע פֿעסטע מיינונגען.

ס׳רובֿ פֿון רחלס לידער זענען ניט דאַטירט. דאָס ווײַטער ציטירטע ליד, אָבער, האָט יאָ אַ דאַטע — 1955, נאָר אַ יאָר נאָך דעם ווי זי איז אָנגעקומען אין קיבוץ. דעמאָלט האָט זי נאָך שטאַרק געבענקט אַהיים. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפֿע:

מאַמע,
איך קען ניט אײַנשלאָפֿן.
נעם דעק מיך גוט אײַן
מיטן וואָרט „היים".
איך קען, מאַמע, ניט אײַנשלאָפֿן.

איך בין זיך משער, אַז אַחוץ אַלץ וואָס רחל האָט געמיינט מיטן וואָרט „היים", האָט זי אויך שטאַרק געבענקט נאָך אַ היימיש ייִדיש וואָרט, וואָס איז אַלע אירע יאָרן בײַ איר פֿאַרבליבן עיקרדיק צו איר אייגענער פּערזענלעכקייט און אידענטיטעט. זי האָט זיך די ערשטע צײַט געראַנגלט כּדי זיך אײַנצוגלידערן אין דער סבֿיבֿה פֿון איר נײַער עבֿרית־רעדנדיקער „היים" אין קיבוץ און מסתּמא דערפֿאַר האָט תּאודור, פֿאַרשטייענדיק איר בענקשאַפֿט, זי כּסדר געמוטיקט צו שרײַבן אירע לידער אויף ייִדיש.

קינדווײַז פֿלעג רחל אַהיימשיקן פּאָסטקאַרטלעך כמעט יעדן טאָג בעת די זומער־חדשים, און אַ מאָל אַפֿילו צוויי אינעם זעלבן טאָג, און דערצו נאָך איין מאָל אַ וואָך, — אַ לענגערן בריוו. דעמאָלט האָט זי נאָך שטאַרק ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיך, נאָר שפּעטער האָט זי זיך אויסגעלערנט גוט שווײַגן:

מעגלעך
האָסט שוין פֿריער געוווּסט —
נאָר ס'האָט ערשט דער גילבוע
דיך באמת אויסגעלערנט
שווײַגן.
דער גילבוע בײַ נאַכט.

(פֿונעם ציקל „לידער צו מײַן געבורטסטאָג",
זון איבער אַלץ, ז' 4)

אין די פֿריִע יאָרן אירע איז זי געווען אַ שפּרודלדיק־באַרעדעוודיקע, בפֿרט בײַ זיך אין דער היים. נאָר מער פֿון רעדן האָט זי נאָך קינדווײַז הנאה געהאַט פֿון שרײַבן. ס'איז קלאָר פֿונעם בריוואויסבײַט מיט אירע טאַטע־מאַמע, אַז זיי האָבן זי זייער געמוטיקט אין דעם. אין איינעם פֿון אירע לענגערע בריוו צו זיי שרײַבט זי:

„כ'האָב נעכטן באַקומען 3 בריוו. צוויי פֿון פּאַפּע און איינע פֿון מאַמע (...) פּאַ, נוץ נײַע ווערטער אין דײַנע בריוו און זאָג טאַקע אַרײַן עפּעס טשײַקאָווע זאַכן — אַ דאַנק".

דער טאַטע האָט זײַן טעכטערל גערן צו ליב געטאָן און האָט אַפֿילו פֿון צײַט צו צײַט אין זײַנע בריוו צו איר אויסגעבעסערט איר גראַמאַטיק אָדער אויסלייג. דער טאַטע האָט זייער געוואָלט זײַן טאָכטער זאָל ווערן אַ ייִדישע שרײַבערין און האָט (אָפֿט מאָל שטרענג פּאָדעריש) זי געמוטיקט זי זאָל אַלץ אַראָפּשרײַבן אויף פּאַפּיר. ער האָט אָבער דערבײַ קלוג פֿאַרשטאַנען, אַז כּדי זי זאָל ווערן אַ גוטע שרײַבערין אויף ייִדיש, דאַרף זײַן טעכטערל ניט נאָר שרײַבן, נאָר אויך לערנען די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור און זיך אַרײַנלעבן אין איר. אין אַ פּאָסטקאַרטל, דעם 12טן דעצעמבער 1949, שרײַבט אַהרן פֿישמאַן זײַן זון, שיקל:

„רחלע איז געווען היפּשלעך נערוועז. אין אָוונט האָט זי פֿאַרגעלייענט ליעסינס „ייִדיש" פֿאַר שול 2 אין לאַגאַן. זי האָט שטאַרק אויסגענומען און מען האָט זי פֿאַרגליכן מיט דער מוטער רחל, און אַז זי לייענט נישט אַנדערש ווי גראָסבאַרד. דעם פֿרײַטיק וועט גלאַטשטיין זײַן בײַ אונדז אין שטאָט און רחלע וועט ווידער לייענען דעם אָוונט אַ פּאָעמע".

און ווײַטער שרײַבט דער טאַטע שיקלען, צוויי וואָכן שפּעטער, דעם 30סטן דעצעמבער (רחל איז דעמאָלט געווען 13 יאָר אַלט):

„זי האָט אָנגעהויבן צו נעמען פּריוואַטע לעקציעס בײַ לערער יואַלדמאַן. ער וועט לערנען מיט איר קענטאַקי פֿון י. י. שוואַרץ".

און ווען די עלטערן האָבן צוזאַמען מיט רחלען זיך אַריבערגעקליבן קיין קאַליפֿאָרניע, אין 1949, וווּ זיי האָבן נאָר אַ קורצע צײַט געוווינט (איידער זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין פֿילאַדעלפֿיע), האָט דער טאַטע זיך געווענדט צו דער באַוווּסטער ייִדישער דיכטערין, מלכּה חפֿץ־טוזמאַן, זי זאָל לערנען מיט זײַן טאָכטער ייִדישע ליטעראַטור. טאַקע אונטער איר השגחה האָט רחל זיך שרײַבעריש אַנטוויקלט, און מלכּהס חותם, ווי איר ליטעראַרישער מורה־דרך און נאָענטער פֿרײַנד, האָט זיך בולט אָנגעזען אין רחלס ווײַטערדיקן שאַפֿן.

וואָס פֿאַר אַ שווערער קלאַפּ און ריס דאָס איז געווען פֿאַר די עלטערן, ווען רחל האָט צו 19 יאָר באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ישׂראל. די ווײַטקייט פֿון מײַלן פֿון מיינונגען האָט זיי פֿריטשמעליעט. ווי אַזוי וועט זייער טעכטערל קענען דאָרטן בלײַבן אַ שרײַבערין אויף ייִדיש? ערשט נאָך דעם ווי דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט רחל באַשריבן דעם, לויט איר, צו שטאַרקן צובונד וואָס זי האָט געהאַט צו איר היים:

איך בין פֿרי אוועק פֿון הויז. (טיטל פֿון ליד)

צו פֿיל ליבע.
צו פֿיל שטאָלץ.
צו פֿיל טרויער.
אויגן, אויגן.
צו פֿיל פֿאָדער.
ייִדיש.
פֿרייד.

זעט נאָר!
ווי שיין דאָס קינד שטיפֿט.
ווי שיין דאָס קינד שרײַבט.
ווי שיין די קליינע לויפֿט פֿון אונדז אוועק.

אַזוי פֿיל ליבע, אַזוי פֿיל שטאָלץ —
אַזוי פֿיל פֿאָדער אין די רייד —
כ'האָב שוין צו גענוג און איבער פֿיל
צו שרײַבן און צו שטומען.

טאַטע.

וווּ
איז אַהין
דײַן פּנים.

(פֿונעם ציקל „איצט ביסטו שטילער",
דערנער נאָכן רעגן, ז' 20)

# דאָס אָנקומען אין קיבוץ

רחלס ערשטער בריוו פֿון ישׂראל צו די עלטערן איז דאַטירט דעם 29סטן אָקטאָבער [1954]. אין יענעם יאָר האָט זי געשריבן אָפֿטע און לאַנגע בריוו צו זיי, פֿול מיט גענויע דעטאַלן וועגן איר לעבן אין קיבוץ, ווי זי וואָלט זיי וועלן מיטנעמען מיט זיך אויף איר נײַעם לעבנסוועג.

„...מיטוואָך אָוונט זענען מיר געפֿאָרן קיין בית־אַלפֿא (...) אַ גאַנצע מאַסע מענטשן האָבן אונדז באַגעגנט — אונדז געפֿירט אין אונדזער חדר אַרײַן — וואָס מען האָט אויסגעפּוצט מיט בלומען און בכלל אַלץ שיין! אַזוי פֿיל מענטשן און פּנימער און הענט. (איך מיין — זיך געגעבן די האַנט). ס'איז דווקא געווען זייער פֿרײַנדלעך און פֿריילעך און אָנגענעם. נאָר דאַן האָט זיך אָנגעהויבן בײַ מיר די צעטומל און פּלאָנטער — ס'האָט דערנאָך גענומען אַ פּאָר טעג איידער איך בין 'געקומען צו זיך' מער אָדער ווייניקער. דערנאָך זענען מיר (מיר — דאָס הייסט — מיר 50!) געגאַן עסן צוזאַמען אין חדר־אוכל. איצט ווייס איך שוין, אַז ס'איז קורץ דער וועג — ס'נעמט אפֿשר דרײַ מינוט צו גיין פֿון אונדזער חדר ביז צום חדר־אוכל. אָבער דאַן האָט דער וועג געדויערט מסתּמא 15 מינוט. ווײַל אויף יעדן טריט און שריט זענען נאַטירלעך צוגעקומען מענטשן זיך צו באַגריסן. דערנאָך זענען מיר ענדלעך אַרײַן אין חדר־אוכל. פֿרעגט שוין ניט! איך גלייב נישט אַז ס'זענען בלויז פֿאַראַן דאָ 200 (אַז ערך) חבֿרים — ווײַל איך בין זיכער אַז יענעם אָוונט זענען געווען כאָטש עלף מיליאָן (אויב נישט נאָך העכער ...). נאָכן עסן — זענען שוין אַ קלענערע גרופּע פֿון תּאודורס פֿרײַנד און מיר געזעסן בײַ אונדז אין חדר

(וועגן צימער וועל איך שפּעטער דערציילן) — מען האָט געבראַכט קאַווע און ווײַן און (דרײַ) ספּעציעל פֿאַר דער געלעגנהייט געבאַקטע לעקעכן, און ס'איז שוין געווען מעגלעך פֿאַר מיר אַ ביסל צו כאַפּן דעם אָטעם און פֿאַר תּאודור זיך נאָך מער און מער צעשטראַלן!"

אָבער ניט נאָר תּאודור האָט זיך דעמאָלט אין קיבוץ צעשטראַלט. רחל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דרויסן אויף דער זון, געקליבן פּרוכט אין סאָד און איז געווען פֿריידיק פֿול מיט חלומות און האָפֿענונגען:

„איך בין דורכגעזונט
און אויסגעזונט
און אָפּגעזונט.
פֿראַל מיך אויף,
וועט פֿון מײַן אינעווייניק
אַרויסשיסן
דער הייסער זונקערן.
איך שלינג אײַן אַזוי פֿיל זון.
איך לאַך און גלי צוריק דער זון
זודיקע סיגנאַלן.
אַלע מײַנע ווינקלען אין דעם ליכט,
נאָר כ'האָב ניט מורא.
אַז אָנגעזונטע
איז מיר אַלץ איינס
צי איך שטראַל,
צי איך ווער באַשטראַלט!"

(פֿונעם ציקל „די זון — און איך",
זון איבער אַלץ, ז' 21)

אין איינעם פֿון אירע בריוו צו די עלטערן, בערך אַ יאָר נאָך איר אָנקומען אין קיבוץ, באַשרײַבט רחל איר אַרבעט:

„גלײַך ווי איך האָב געענדיקט מיט דער „שמירה" — האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר אונדז, די מטעים־אַרבעטער, דער 'מסיק' — קלײַבן פֿון די איילבערטן. ס'איז איינע פֿון די אַרבעטן וואָס איך האָב צום מערסטן ליב. לאַנגזאַם — נאָר זיכער — דערנענטער איך זיך צום איילבערטבוים. מיר זענען שוין מער ניט פֿרעמדע ווי אַ מאָל. כ'האָב שוין אַפֿילו גענומען עסן די 'זיתים' — די איילבערטן! איך בין איינע פֿון די „אויסדערווײילטע זעקס" וואָס אַרבעטן מיט די הויכע לייטערס — פֿיר מעטער הויך! בײַם קלעטערן טויג איך זיך אויס — ס'איז אָנגענעם צו אַרבעטן אויבן אין דער הייך — די פֿינגער „מעלקן" אַראָפּ די איילבערטן פֿון די צווײַגן און דער קאָפּ לאָזט זיך ווילגיין — איז פֿרײַ צו טראַכטן און פֿאַרטראַכטן און אויסטראַכטן און אויב מען וויל, ניט טראַכטן".

אין ציקל „די זון — און איך" (זון איבער אַלץ, ז' 23), גיט זי איבער איר פֿולע פֿרייד בײַם קלײַבן טרויבן און זי בעט מען זאָל איר גליק פֿאַרשטיין:

אײַב
פֿין קלײַבן שטומע, זוניקע טרויבן
ווערט מען שטיל און פֿאַרזונט, —
זאָלסט ניט הייבן דײַן ברעם
אַז די זעסט:
איך בין זוניק פֿאַרשטומט.

אײַב
פֿון קלײַבן קלאָרע, זוניקע טרויבן
גיסטו זיך ייערטער פֿון לייטערן לויטער, —
זאָלסטו מיך טרייסטן אַז איך וויין.
איך חלום פֿון אַ ליד,
נאָר זײַן שאָטן האָט אַ הייקער.

אײַב
פֿון קלײַבן זיסע, זוניקע טרויבן
גיסט זיך אין די אָדערן אַ פֿרייד, —
זאָלסטו מיך לאָזן לאַכן.

אַזוי ווי מען לאָזט
אַ רעגן ווען ער רעגנט.
אַ שניי
ווען ער שנייט.

בעצם באַשרײַבט אויך דאָס ליד די אויסגעהאַלטנסטע הויפּטשטריכן פֿון רחלס דערוואַקסענער פּערזענלעכקייט: איר שווײַגן, איר לאַכן, — און אין צווישן — איר שאַפֿערישקייט וואָס האָט דערפֿירט ביז טרערן, דערפֿאַר וואָס זי האָט געחלומט פֿון אַ ליד, „נאָר זײַן שאָטן האָט אַ הויקער". צי איז דאָס „ליד" ניט אפֿשר געווען דאָס קינד וואָס רחל האָט געגאַרט צו געבוירן און צי איז ניט דער „הויקער" אַלע אירע שווערע אַנטוישונגען אין שײַכות מיט דעם? זי האָט דאָך אַזוי רירנדיק געבעטן בײַם נפֿשל, וואָס זי האָט אין זיך געטראָגן:

„ווינט ניט אַוועק,
וואַלקן ניט אויס,
בלײַב דאָ מיט מיר.

ווינט — דײַנע האָר,
וואָלקן — דײַן שויס,
קלאַפּן אין מיר.

ווער ניט אַוועק,
ווינקל ניט אויס.
מיר —
וואַרטן אויף דיר".

(פֿונעם ציקל „באַרבע עינים",
זון איבער אַלץ, ז' 35)

די אָפֿטע איבערחזרונג פֿון דעם „וו" אין דעם ליד דערמאָנט דעם לייענער אין אַנדערע ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט „וו" — למשל: ווינד־און־ווי. מיט אָט דעם ווייטיקדיקן „הויקער" האָט רחל געלעבט אַלע אירע טעג.

צי אפֿשר איז גאָר דאָס „ליד", וואָס רחל האָט פֿון דעם געחלומט, געווען אַ רמז אויף איר גאַנצן שרײַבערישן שאַפֿן, וואָס דאַרף נאָר האָבן „ווערטער פֿון לויטערן לויטער"? די דערוואַרטונגען און פֿאָדערונגען פֿון טאַטע־מאַמע, זי זאָל ווערן אַן עכטע ייִדישע דיכטערין זענען אויך, אין תּוך, געווען אירע אייגענע דערוואַרטונגען און פֿאָדערונגען צו זיך. אָבער אין עלנטקייט נאָר — אינעם ייִדיש־מדבר פֿון קיבוץ — האָט זי עקשנותדיק דורכגעאַקערט איר אייגענעם דיכטערישן דרך:

איך גיב אײַך, חבֿר רעדאַקטאָר,
מײַן ערנוואָרט
שוין אַן אייביקייט
קיין פּאָעט ניט געזען, ניט געהערט.

(„אַ בריוו צום רעדאַקטאָר,
ווייקדע צוג עזה פּיזזה, ז' 46)

צי איז ניט די עלנטקייט אויך געווען איר „הויקער"? נאָר דער שווערסטער „הויקער", וואָס האָט פֿאַרשטומט איר שאַפֿערישקייט, איז געווען איר קראַנקייט וואָס האָט זי אַזוי פֿיל יאָרן אויסגעמוטשעט און אויסגעשעפּט:

גוואַלד
כ'ווער
באַלד
אַלט.

כ׳וועל מײַן רעקל
ניט פֿאַרקנעפּלען.

כ׳גיי אין גאַס.
כ׳האָב אַ רויט רעקל.
ס׳איז מיר קאַלט.

גוואַלד
כ׳ווער אַלט!

איך האָב דיך ניט געפֿאָלגט.

(„וואָס טו איך״, ווילדע ציג/עזה פּויזה, ז׳ 84)

גאָר קורץ זענען דאָ די דיכטערישע שורות אירע. קיין סך כּוחות האָט זי שוין דעמאָלט אָפּט מאָל ניט געהאַט, ניט אויף צו שרײַבן, ניט אויף צו אַרבעטן, און טייל מאָל אַפֿילו ניט אויף אויפֿצושטיין אין דער פֿרי:

הײַנט
בעסער בלײַבן אין בעט.
און די מעגלעכקייטן
שיילן — ווי ערדניסלעך.
דעם שאָלעכץ אויפֿן דיל.
יאָ און ניין.
אַליין.

(פֿונעם ציקל „בלויע פּײַערלעך״.
ווילדע ציג / עזה פּויזה, ז׳ 46)

דער נס איז דאָס וואָס מיט אַלע „הויקערס״, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, האָט רחל ווײַטער און גוט געשריבן און געוואָרן באַוווסט און אָנערקענט ווי „די דיכטערין פֿון בית־אַלפֿאַ״.

אין איר סאַמע לעצטן בריוו צו אונדז, סוף מאַרץ 1984, שרײַבט זי:

„איך פֿיל זיך בעסער. פּראָבלעמען פֿעלן ניט חלילה — נאָר ס׳איז בעסער. איך שרעק זיך אַ ביסל פֿאַרן זומער. היצן, די זון — (וואָס איך מוז איצט אויסמײַדן...). נאָר איך ווער שטאַרקער — אַרבעט אַ ביסעלע מער (3־4 שעה) און פּרוביר זיך האַלטן, טאָן מער פֿאַר זיך אָן הילף — איך ווייס ניט וויפֿל איר ווייסט נאָר ס׳איז געווען זייער ׳ניט גוט׳ — מיט מיר. און דערנאָך אַ לאַנגע צײַט פֿון ups and downs, going up איצט. ווי געזאָגט און איצט. תּאודור וועט ווידער קומענדיקע וואָך מאַכן אַלע בלוט־ און אַנדערע טעסטן. און תּאודור האָט אַ „געפֿיל״ אַז זיי וועלן זײַן בעסער. ער היט זיך איצט מער — טוט אַ ביסל ווייניקער. די ערשטע טעג אין אַפּריל וועט ער זײַן בײַם דאָקטער אין „הדסה״. אפֿשר וועלן מיר דאָן וויסן אַ ביסעלע מער (...)״

בײַם אָנהייב פֿון איר לעבן אויפֿן קיבוץ האָט רחל פֿריילעך־פֿאַרליבט געשריבן וועגן „די זון — און איך״ און „זון איבער אַלץ״. נאָר אין די לעצטע טעג פֿון איר לעבן האָט זי געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די רויט־הייסע, שעדלעכע זונשטראַלן — און זי שרעקט זיך, מיט רעכט, פֿאַרן זומער:

מיט פֿאַרפֿרײרענע יאַנצעס,
מיט אַן אָפּגעהאַקט עקל,
וועל איך
דערלעבן די היצן —
דאָס יאָרעמע מיסטן?

ייעס דער זומער מיך דערקענען?

(פֿונעם ציקל „בלויע פּײַערלעך״.
ווילדע ציג עזה פּויזה, ז׳ 62)

תּאודורס געזונט־פּראָבלעמען האָבן זיך דעמאָלט אויך שטאַרק פֿאַרערגערט און, ווי תּמיד, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געטרײַ געהיט און געמונטערט — ביזן סוף:

שפּאַר זיך בעסער אָן אין מיר,
לאָז די ווערטער אָפּ.
ס׳וועלן יוערטער צווישן אונדז
פֿון זינען גלײַך אַראָפּ.

שפּאַר זיך בעסער אָן אין מיר,
האַלט דאָס לאַכן אײַן.
פֿון אַ לאַכן ווי בײַ אונדז
ווערט פֿון טרויבן ווײַן.

שפּאַר זיך נענטער אָן אין מיר,
מאַך די אויגן צו.
ס׳איז סײַ ווי
מיט אַ ליכטיקייט
פֿאַרזיגלט אונדזער רו.

**דעצעמבער 1959**
(פֿונעם ציקל „באַרבע עינים״, זון איבער אַלץ, ז׳ 40)

## דער עזבֿון פֿון נאָך ניט געדרוקטע לידער

צו דער שאַפֿערישער ירושה, אָפּגעדרוקטע לידער און אָנגעזאַמלטע בריוו, וואָס רחל האָט איבערגעלאָזט, קומט צו נאָך אַ קוואַל פֿון שריפֿטן, — אַ ביז גאָר ניט געריכטער. בײַם אויסליידיקן רחל און תּאודורס קליין קיבוץ־שטיבל, האָט אַ געטרײַער קיבוץ־חבֿר אויפֿגעהיט און אָנגעהויבן אויססדרן הונדערטער בויגנס פּאַפּיר, וואָס אויף זיי האָט רחל געהאַט אויפֿגעשריבן שורות און סטראָפֿעס פֿון לידער, אין ערשטע און צווייטע, און אַ מאָל אַפֿילו אין דריטע און פֿערטע וואַריאַנטן, וואָס זענען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אירע ביכער. דערצו איז אַ גרויסע צאָל לידער אירע פּשוט געלעגן „אין די שופֿלאָדן״, און האָבן, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, ניט דערלעבט צו דערגיין צו דער עפֿנטלעכקייט. ווער ס׳איז אַ מאָל געווען צו גאַסט אין אַ קיבוץ־שטיבל, ווייסט ווי געענגט אין אָרט עס זענען דאָרט די אײַנוווינערס. רחל און תּאודורס שטיבל, צופֿוסנס פֿונעם גילבוע, איז באַשטאַנען פֿון צוויי קליינע צימערן — אַ זיצ־צימער, אַ שלאָפֿצימער, — און אַ קאָרידאָרל מיט אַ וואַנט־קיך. אומעטום איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט ביכער, פּאַפּירן און מוזיק־פּלאַטעס — אַ בולטער אויסדרוק פֿון די לעבנס־אינטערעסן און פּראָיעקטן פֿון צוויי זייער שאַפֿערישע מענטשן.

רחלס באַציִונג צום געשריבענעם יידישן וואָרט, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פֿון דער היים פֿון אירע עלטערן, איז געווען אַזאַ וואָס האָט איר ניט דערלאָזט אַרויסצוואַרפֿן קיין ברעקעלע פּאַפּיר אין משך פֿון די קרובֿ צו 30 יאָר, וואָס זי האָט געלעבט אין קיבוץ. ניט נאָר אַלע אירע אייגענע פּאַפּירן מיט פֿריש־אָנגעשריבענע אָדער האַלב־אַרויסגעגעבענע... ענדיקטע לידער האָט זי געהאַלטן, נאָר אויך אַלע בריוו וואָס מען האָט איר ווען עס איז און פֿון אומעטום געשיקט אין משך פֿון די יאָרן. פֿאַר אַלץ האָט זי, מיט נסים, געפֿונען אָרט (אין דער בעסטער אומאָרדענונג) — ווי די שופֿלאָדן פֿון

איר באַשיידענעם שרײַבטיש וואָלטן ממש געווען אַן אַ דנאָ. זי האָט אַפֿילו אין 1954 געהאַט מיטגענומען מיט זיך אויפֿן וועג קיין ישׂראל אַ קליינע צאָל בריוו און קאַרטלעך פֿון משפּחה און פֿרײַנד כּדי ניט צו שיידן זיך מיט זיי. (צו מײַן גרויסער איבערראַשונג, האָב איך צווישן זיי געפֿונען אויך מײַנס אַ קאַרטל וואָס איך האָב איר געהאַט צוגעשיקט אין 1949, פֿון קאַנאַדע, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט און געלערנט.) דער קיבוץ האָט אונדז געלאָזט אײַנזאַמלען רחלס שרײַבערישן האָב־און־גוטס און דאָס אַריבערפֿירן קיין ניו־יאָרק כּדי אַלץ אויסצוסדרן און אויפֿצולעבן. רחל האָט זייער געוואָלט, אָבער ניט באַוויזן, איבערצולאָזן נאָך זיך „אַ ריינעם טיש״:

איך בעט דיר.
לאָז נאָך זיך
אַ ריינעם טיש.
איך שרעק זיך
פֿאַר פֿרעמדע פֿינגער.
די אומאָרדענונג.
די הויפֿנס אָנשטרענג.
זכרונות.
פלענער.
איך בעט דיר —:
אַ ריינעם טיש.
אַניט —
כ׳וועל בלינדערהייט
פֿאַרברענען אַלץ.

(„איך בעט דיר״, ווילדע ציג. עזה פזיזה, ז׳ 76)

סדרן מיר טאַקע איצט אויס אַלע אירע פּאַפּירן, לאָזן דאָס ניט איבער פֿאַר קיין „פֿרעמדע פֿינגער״ און גרייטן צו „אַ ריינעם טיש״, כּדי ליטעראַטור־פֿאַרשערס זאָלן קענען גרינגער צוקומען צו אירע שאַפֿונגען און אַרײַנבלאָזן אין זיי אַ נײַעם אָנהייב:

קום — !
לאָמיר געפֿינען אַ נײַעם ייִעג אַהיים.
לאָמיר אײַנשלינגען אַ פֿרישן פּאַקט.
לאָמיר אָנהייבן שוין שרײַבן
אין אַ שפּיגל ריינעם העפֿט.

(„איך בין אַ גרייסער אָנפֿאַנגער״, זון איבער אַלץ, ז׳ 54)

מאַרץ 1989
פּאַלאָ אַלטאָ, קאַליפֿאָרניע

1) רופא למשפחה. תל אביב, סיון תשמ״ד, יוני 1984, זז׳ 207־210.
2) רחל צווישן גראָז. שמים בעשב. מיידיש: אריה אהרוני. אלף. תל אביב, 1968, ז׳ 74.
3) ווילדע ציג. עזה פזיזה. מיידיש: אריה אהרוני. קרית ספר, ירושלים, 1976, ז׳ 30.
4) איך גיב דאָ איבער דעם טעקסט פּונקט ווי זי האָט אים געשריבן.

—•—

## רחל פֿישמאַנס ביכער

סע זענען נאָך געבליבן בלויז עטלעכע עקזעמפּלאַרן פֿון רחל פֿישמאַנס ווילדע ציג. עזה פזיזה (1976) און שמים בעשב (צווישפּראַכיק, 1968). יעדער בוך קאָסט 7.50 אַמעריקאַנער דאָלאַר, ביידע אין אײנעם — נאָר 10.00 (פּאַק־ און פּאָסט־געלט אַרײַנגערעכנט). צום באַקומען אין:

**League for Yiddish, Inc.**
200 W. 72 St/40
New York, N.Y. 10023

### מ.־מ. שאַפּיר

## צו מײַן חרובֿ שטעטל*

לייגטס מיך מיטן פּנים צו מײַן חרובֿ שטעטל
ווו די עדה ייִדן ליגט נאָך אַן אַ שטיין,
וועל איך זען, ווי נאַכטצײַט קומט, אַ גראָע טויב,
און זעצט זיך רוען לעם אַן אָפּגעדעקטן ביין.

און זי נעמט דעם ביין אין אירע גראָע פֿליגל
און פֿאַרוויגט אים מיט געוואָרקע און געוויין,
ווי מע וויגט אַן עופֿעלע, אַן ערשט געבוירנס,
וואָס איז ווי זײַן ערשטער טרערן־טראָפּן ריין.

„ווייי״ ווי האָב איך דערלאָזט עס צון אַזאַ הריגה?
ווי זאָל איך עס ווערט זײַן איצט אַרײַנצוגיין
און זיך לייגן אינעם אָפּגעדעקטן קבֿר
אַש און שטיקער ביין צו ווערן אויך אַליין.

און זי גיט אַ קוש און גיט אַ טוליע
כ׳וועל דיך מער שוין קיין קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזן מיין
חוץ דער טויב, דער גראָער קומט שוין, ווייי, נישט קיינער
קיינער נישט צום קבֿר פֿון מײַן שטעטל מיין...

*) צו מ. מ. שאַפּירס ערשטן יאָרצײַט דרוקן מיר איבער דאָס ליד פֿון זײַן ־אָב לעצטע געזאַמל, מאָנטרעאָל, 1988.

—•—

### זעליג דאָרפֿמאַן / ניו־יאָרק

## שורות וועגן שורות

נישט איך ווייס,
נישט איך פֿאַרשטיי,
ס׳איז פּונקט ווי אַ קאַץ
וואָלט געלייגט אַן איי

איך לאָז עס איבער
אין מיטן דערינען,
און בעט דעם אייביקן
עס קיין מאָל נישט געפֿינען

צו וואָס קלעטערן
צו הימלשע הייכן
מיט באָרוועסע שורות
וואָס קענען נישט דערגרייכן?

—•—

## ווען איר בײַט דעם אַדרעס

דאַרפֿט איר אונדז לאָזן וויסן צום ווייניקסטן צוויי וואָכן אין פֿאָרויס, אַנישט וועט דער זשורנאַל זיך וואַלגערן ערגעץ אויף דער פּאָסט און איר וועט זיך באַקלאָגן למאַי איר האָט אים נישט באַקומען. סע וועט נאָר פֿאַרשאַפֿן פֿאַר־דראָס אײַך און אונדז.